# פון ביכער־טיש

**יחיאל פיינער דרוקט זיך שוין יאהרען**
**פערלאג „יבנה", לאדז.**

א יונגער דיכטער מיט א גוטער יודישער שפראך, א פיינער פארם, גוט געבויטע פערזען און, דער עיקר, מיט אן אינהאלט אויך, דאס איז זעלטען צו געפינען אין די פערשיעדענע אויסגאבען און זשורנאלען פון די רעליגיעז־געשטימטע יודען, וועלכע בויען אויף זיך אן אייגענע „ליטעראטור" אין יודיש, מחוץ דער אפיציעלער יודישער ליטעראטור.

אזעלכער איז יחיאל פיינער. עס איז גענוג איבערצולייענען די ערשטע פאר לידער פון זיין זאמלונג, כדי צו דערקענען, אז ער איז אויף טויזענד מייל ווייט פון זיינע קאלעגען פערזען־שרייבער, וועלכע דרוקען זיך אין די דערמאהנטע אויסגאבען.

מיר זעהען אבער נישט איין קיין סיבה, אז א רעליגיעז־געשטימטער דיכטער זאל דווקא געפינען אן אבזאץ־מארק פאר זיינע שאפונגען פאר אן „אוידיטאריום", וואס האט נישט די זעלבע פערשטענדניש פאר ליטעראַרישע ערשיינונגען, ווי די לעזער פון די ספעציעלע וואכענבלעטער פאר ליטעראטור.

ביי די אומות העולם דרוקען זיך רעליגיעז־געשטימטע דיכטער צוזאמען מיט אלע אנדערע, און זייערע טעאיסטישע איבערציינגונגען ליידען דערביי אויף קיין האר נישט.

יחיאל פיינער, „24 לידער", אבער ער איז כמעט נישט בעקאנט. ער דרוקט לידער, קליינע סקיצען, אין וועלכע מען פיהלט א לעבעדיגען מענש מיט ראנגלענישען און וועהטאגען, מ׳זעהט, אז ער טראגט מיט זיך אן אויסגעטראכטע קליין וועלטעל, אין וועלכער ער לאזט ארומוואנדלען זיינע חלומות און זעהענישען.

פאר יחיאל פיינער׳ן איז די ווירקליכקייט צו גרוי, צו איינטאניג.

ער שטויסט זיך אן אויף יעדען שריט מיט דער שווערקייט פון לעבען און אין רעזולטאט טהוט ער, ווי עס טהוען א סך אמת׳ע דיכטער: ער קריגט פיינט די ווירקליכקייט, דעם וואהר און אנטלויפט צו דער וויזיע. איהם איז ליבער דער אויסגעטראכטער טאג, ווי דער אמת׳ער. פאר איהם איז אינטערעסאנטער א שעי־טראכטען, ווי דער בעסטער האנדעל־וואנדעל אין דער קלעם פון געצוואונגענעם לעבען.

פון דאנען געהטען זיך זיינע אפטע זיפצען און ממעמקים־רופען, וואס מען טרעפט אזוי אפט אין זיין לידער־בוך.

בכלל גענומען איז יחיאל א פעהיגער יונגער דיכטער און ווער עס האט ליעב גוטע פערזען, וועט זיינע לידער לעזען מיט צופרידענהייט.

י. ר.